# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תולדות תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 459

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג


ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די תפילה וואס האט אוועקגענומען אלע ספיקות

**"וַיִּתְרֹצְצוּ הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ וַתֹּאמֶר אִם כֵּן לָמָּה זֶּה אָנֹכִי וַתֵּלֶךְ לִדְרֹשׁ אֶת ה'; וַיֹּאמֶר ה' לָהּ שְׁנֵי גֹיִים בְּבִטְנֵךְ וּשְׁנֵי לְאֻמִּים מִמֵּעַיִךְ יִפָּרֵדוּ"** (כה כב - כג)

דער רמב"ן ערקלערט אז די ווארט 'לדרוש' קען מען אויסטייטשן אויף תפילה, אזוי ווי עס שטייט (תהילים לד ה): 'דָּרַשְׁתִּי אֶת ה' וְעָנָנִי'".

דער 'כתב סופר' ערקלערט אז רבקה האט געהאט א טיפע כוונה ווען זי איז געגאנגען דאווענען:

ווען רבקה האט געפילט אז די קינדער לויפן ארום, סיי ווען זי גייט אריבער נעבן "פתחי תורה של שם ועבר" און סיי ווען זי גייט אריבער נעבן "פתחי עבודה זרה" (רש"י), האט זי געהאט א ספק - צי זיי זענען צוויי קינדער ווען זייער נאטור איז אינגאנצן פארקערט איינער פון צווייטן; איינער איז א רשע וואס גלוסט דינען עבודה זרה, און דער צווייטער איז א צדיק וואס גלוסט צון גיין אין א בית המדרש, אויב אזוי - וועט זי לכל הפחות טרעפן איר נחמה אין איר זון דער צדיק. אדער אפשר איז דאס איין קינד וואס האט נישט קיין יראת שמים און זיין גאנצער ציל איז נאר זיך באשיינען, דעריבער ווען ער גייט ארויס פון בית המדרש לויפט ער באלד צו די עולם הזה און זיינע תאוות. ווען זי האט געקלערט פון די מעגליכקייט, האט זי געשריגן: "אִם כֵּן, לָמָּה זֶּה אָנֹכִי?!", ווייל די חכמים זאגן דאך (ירושלמי ברכות א ב): "הלומד שלא לעשות נוח לו שלא נברא".

כדי דעם צו מברר זיין איז זי געגאנגען "לִדְרֹשׁ אֶת ה'" - דאווענען אין שול, זאגנדיג: אויב אויך ווען איך גיי אריין דאווענען וועל איך פילן אז דער קינד איז מפרכס לצאת, איז דאס א צייכן אז איך האב טאקע צוויי קינדער ביי מיר, ווייל אויב וואלט דאס געווען איין זון וואס לערנט צוליב אייגענע אינטערעסן, וואס האט ער מיט תפילה?! און טאקע אזוי, ווען זי איז געגאנגען דאווענען און איינער האט נאך אלץ געוואלט ארויסגיין, האט זי פארשטאנען אז "שְׁנֵי גֹיִים בְּבִטְנֵךְ", און האט זיך בארואיגט.

שו"ת 'כתב סופר' הקדמה לחלק או"ח

### זיצן אין שול איז א מצוה

**"וַיִּגְדְּלוּ הַנְּעָרִים וַיְהִי עֵשָׂו אִישׁ יֹדֵעַ צַיִד אִישׁ שָׂדֶה וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים"** (כה כז)

פון דעם וואס די תורה האט משבח געווען יעקב'ן אויפן עצם זיין א "יֹשֵׁב אֹהָלִים", און אזוי ווי רש"י ערקלערט ד.מ. די בית המדרש פון שם ועבר, לערנט ארויס **הרמ"ע מפאנו** א סמך אויפן פסק פון 'שולחן ערוך' (או"ח קנא א) אז דאס עצם זיצן אין די בתי כנסיות און בתי מדרשות איז א מצוה.

מיט דעם טייטש אויך דער הרמ"ע דעם פסוק אין תהילים (פד ה): "אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ עוֹד יְהַלְלוּךָ סֶּלָה" - וואויל זענען די וואס זענען זוכה זיצן בבית ה' אפילו אן לערנען און דאווענען, ווייל ווי געזאגט דאס עצם זיצן איז א זכות און א מצוה. אבער "עוד" מער גליקליך פון זיי זענען די וואס באגענוגן זיך נישט מיט זיצן אליין, נאר אויך "יְהַלְלוּךָ סֶּלָה" - לויבן און דאנקען ה' אין די שולן.

מאמר 'צבאות ה"' ח"א סי' כח

### יצחק האט ליב געהאט עשו לטובת די אידן

**"וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו וְרִבְקָה אֹהֶבֶת אֶת יַעֲקֹב"** (כה כח)

אסאך וואונדערן זיך: וויאזוי קען זיין אז א צדיק אזוי ווי יצחק זאל ליב האבן זיין זון נאר צוליב דעם וואס ער האט אים געגעבן צו עסן פון וואס ער האט געפאנגען?

האדמו"ר **רבי משולם פייבוש פון ברעדשין**, א אייניקל פון 'יושר דברי אמת', האט ערקלערט די כוונה פון דער פסוק געבויעט אויף די הנהגה פון זיין רבי דער 'באר מים חיים':

דער 'באר מים חיים' האט געהאט א זון וואס איז אראפ פון ערליכן וועג און זיך נישט געפירט ווי עס פאסט לויט זיין גרויסן אפשטאם, פון דעסוועגן האט זיין גרויסער און דערבארעמדיגער פאטער אים מקרב געווען, אים אויסגעהאלטן און אויך געזארגט אויף אלע זיינע באדערפענישן. יעדן אינדערפרי פלעגט דער 'באר מים חיים' דאווענען אויף כלל ישראל בעטנדיג: "ריבונו של עולם, געב נאר א קוק אויף גוט'ס און די חסדים וואס איך טוה מיט מיין זון, כאטש ער גייט נישט אויפן ערליכן וועג. און איך בין דאך נאר א בשר ודם, איז דאך זיכער אז דו וואס דו ביזסט 'אב הרחמן' און א 'טוב ומטיב ורב חסד', איז זיכער פאסיג דו זאלסט דיך פירן מיט דיינע קינדער מיט חסד און רחמים, אויך ווען זיי טון נישט דיין ווילן חס ושלום..."

לויט דעם, קענען מיר ערקלערן אז דאס איז געווען די סיבה פון די ליבשאפט פון יצחק צו עשו: "כי ציד בפיו" - כדי דורך דעם זאל ער האבן א גוטע טענה און א לימוד זכות אויף די אידן אויב זיי וועלן חלילה זינדיגן, ווען ער וועט זאגן פארן אויבערשטן: אויב איך, א בשר ודם, האב געקענט מוחל זיין און ליב האבן מיין זון טראץ זיינע זינד, על אחת כמה וכמה, דו - דער אדון הרחמים והסליחות. און אזוי זאגן טאקע די חז"ל (שבת פט ב) אז לעתיד לבוא ווען הקב"ה וועט זיך ווענדן צו יעדן איינעם פון די אבות און וועט זיי זאגן "בניך חטאו", וועט נאר יצחק אויף זיי מלמד זכות זיין.

'דברי מאיר' [בארדיוב תרס"ט]

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אמן און "קול יעקב"

פון שטענדיג אן, איז די כח התפילה מייחד דאס אידישע פאלק פון די אנדערע פעלקער. אזוי ווי דער פסוק זאגט (דברים ד, ז): "כי מי גוי גדול אשר לו אלוהים קרובים אליו כה' אלקינו בכל קראנו אליו".

אויב מיר וועלן זיך מתבונן זיין אין אונזער פרשה וועלן מיר אנטפלעקן אז דער אונטערשייד האט זיך שוין אנגעהויבן אין די צייטן פון די אבות הקדושים.

יצחק אבינו וואונדערט זיך אין די אויערן פון יעקב זיין זון (בראשית כז, כב): "הקול קול יעקב והידים ידי עשו". ד.מ. כאטש עס איז געלונגען פאר יעקב אויסזען ווי עשו, דאס איז נאר געווען אויסערליך, אבער זיין אינערליכע שטייגער וואס דערקענט זיך ביים רעדן, האט ער נישט געקענט באהאלטן. די חכמים (גיטין נז ב) זאגן אז אין די ווערטער פון יצחק איז געווען א נבואה לדורות, אז די אייגנארטיגקייט פון יעקב'ס קינדער וועט זיין מיט "קול יעקב" - ד.מ. קול תפילה.

אזוי האבן מיר אויך געליינט אין די הפטרה פון פר' לך לך די הבטחה פון ישעיהו הנביא (מא יד): "אַל תִּירְאִי תּוֹלַעַת יַעֲקֹב... אֲנִי עֲזַרְתִּיךְ נְאֻם ה'", ברענגט דער רד"ק אין נאמען פון מדרש, אזוי ווי די כח פון די תולעת איז נאר מיט איר מויל, אזוי אויך די כח פון כלל ישראל איז נאר די כח התפילה!

אויב מען וועט מיך ערלויבן זאגן עטליכע ווערטער, וועל איך צולייגן און באטאנען אז די צענטראלער טייל אין די כח התפילה פון "קול יעקב" איז דאס ענטפערן 'אמן'. א ראי' צו דעם, די קדמונים זאגן אז דער נאמען 'יעקב' איז בגימטריה צוויי מאל 'אמן'. אזוי אויך, דער 'כלי יקר' אין אנהויב אונזער פרשה זאגט אויך אז דער נאמען יעקב איז מרמז אויף דעם וואס ער האט מקפיד געווען און אנדערע טון גרינגשעצן. קומט אויס לויט דעם אז אין די נבואה "הקול קול יעקב" איז דא א באזונדערע געוויכט אויף ענטפערן אמן וואס ווערט געהערט אין די שולן.

אויב די ווערטער זענען ריכטיג, קען מען צולייגן צו דעם, די חכמים באטאנען (שבת קיט ב) אז 'אמן' דארף דער מענטש ענטפערן 'בכל כוחו', ערקלערן די בעלי התוספות אז ד.מ. 'בקול רם'. און עס קען זיין אז ווייל די מצוה סימבאלעזירט די 'קול יעקב', ממילא דארף מען עס ענטפערן בקול רם און מיט שטאלץ.

אלס אייניקלעך פון יעקב אבינו דארפן מיר ארויסווייזן אז דאס דאווענען בכלל און 'אמן' בפרט איז א צענטראלער טייל אין אונזער לעבן, און לויט דעם זיך באציען צו דעם און מקפיד זיין זיי צו מקיים זיין ווי עס איז פאסיג אויף דעם.

מיט א רוף "הקול קול יעקב"

א גוט שבת

יעקב דוב מארמארשטיין

א וועבנטליבער ערציילונג אויף אמן און תפילה

# די ברכה וואס האט צוגעברענגט א טויש

די ערציילונג איז פארגעקומען אין ווינטער די לעצטע יאר. ר' אביגדור, א באקאנטער און חשובער תלמיד חכם, איז קראנק געווארן אויף די 'שפעת' קרענק, און וויבאלד צוליב דעם האט ער גע'אטעמ'ט שווער, האט ער געמוזט זיך שפיטאליזירן אין איינע פון די באקאנטע שפיטעלער אין צענטער פון לאנד זיך אויסרוען און מ'זאל אויף אים אויפפאסן.

ר' אביגדור האט זיך נישט דערשראקן, ער האט געוויסט אז עס האנדלט זיך פון גאנץ א מילדע קראנקהייט, וואס מיטן אויבערשטנ'ס הילף און דורך די באהאנדלונג וועט עס אין עטליכע טעג פארשווינדן ווערן אזוי ווי עס איז געקומען. ער האט אויסגענוצט זיין בלייבן אין שפיטאל אויף צו רוען, און איבער'חזר'ן זיינע לימודים, און אויך העלפן די פאציענטן ארום.

ר' אביגדור'ס צושטאנד האט זיך שנעל פארבעסערט, און וויבאלד אויפן דריטן טאג האט ער זיך געפילט גענוג גוט זיך צוריקקערן אהיים, איז ער צוגעגאנגען צום דאקטער וואס איז פאראנטווארטליכט אויף דער אפטיילונג און געבעטן מען זאל אים באפרייען, אבער צוליב עפעס א סיבה האט ער אפגעזאגט זיין בקשה. דו מוזט בלייבן אין דער אפטיילונג צום ווייניגסטנ'ס ביז מארגן" - האט ער געזאגט.

רבי אביגדור האט פרובירט צו בעטן, אלס א טעטיגער מענטש קען ער נישט זיצן אין שפיטאל אזוי לאנג און ער וויל זיך אומקערן צו זיין שטוב,



ער האט ערקלערט דעם דאקטער אז ער פילט זיך אינגאנצן געזונט און עס האט נישט קיין טעם אים איבערלאזן אין שפיטאל, אבער זיינע געבעטן האבן נישט געהאלפן. אומפארשטענדליך, האט דער דאקטער זיך גע'עקשנ'ט אז לויט די פראצעדורן איז ער פארפליכטעט צו בלייבן כאטש ביז דעם קומענדיגן טאג.

ר' אביגדור איז געצווינגען געווען צו בלייבן אין שפיטאל קעגן זיין ווילן. אויפצומארגנ'ס איז ער אויפגעשטאנען פרי און זיך גלייך געשטעלט פאר די סעריעטעסטן וואס פארלאנגט זיך אלס א טייל פון די 'באפרייען' פראצעדור. דערנאך וואס די דאקטורים האבן באזוכט אין זיין צימער, האט דער הויפט דאקטער אונטערגעשריבן זיין באפרייאונג'ס צעטל, און דער גליקליכער ר' אביגדור האט געפילט ווי ער איז באפרייט געווארן פון ארעסט הויז. ער האט זיך געאיילט צונעמען זיינע זאכן און ארויסגיין צו די ריכטונג פון זיין הויז.

פארן ארויסגיין פון די אפטיילונג האט ער געדארפט זאגן 'אשר יצר', ר' אביגדור האט זייער מקפיד געווען צו זאגן די ברכות הויך און מיט כוונה, נאכדעם וואס ער האט געוואשן די הענט האט ער זיך אוועקגעשטעלט אקעגן דעם קליינעם 'אשר יצר' וואס האט געהאנגען איבערן קראן און האט אנגעהויבן זאגן 'אשר יצר' הויך און געלאסן, און נאטורליך, לויט דער צושטאנד אין וועלכער ער איז געווען, מיט מער כוונה, ווען בשעת'ן זאגן די ברכה האט ער געטראכט פון די חסדי הבורא ית' וועלכע ווערן ארויסגעברענגט אין דעם וואס זיין קערפער סיסטעם ארבעט ווי געהעריג.

בשעת'ן זאגן די ברכה האט ר' אביגדור געפילט אז איינער שטייט הינטער אים און קוקט אים אן, ער האט געהאפט אז באלד ווי ער וועט ענדיגן וועט יענער ענטפערן 'אמן', אבער צו זיין וואונדער אנשטאט 'אמן' האט ער געהערט די פוס טריט פון דעם פרעמדן וואס דערווייטערן זיך.

דער איבערראשנדער ר' אביגדור האט זיך אויסגעדרייט צו זען ווער איז דער מענטש וואס האט אזוי נייגעריג צוגעהערט זיין ברכה, און ווי גרויס איז געווען זיין איבערראשונג ווען ער האט געזען, אז דאס איז איינער פון די מיטארבעטער פון דער אפטיילונג, א דאקטער מיט א שטארקער אראבישער אויסזען און זיין נאמען איז דאקטער יוסף.

דאס האט אים איבערראשט און אויפגעוועקט זיין נייגעריגקייט; ער האט נישט פארשטאנען פארוואס האט דער אראבישער דאקטער זיך אזוי אינטערסירט אין די ברכה 'אשר יצר', און האט באשלאסן זיך צו ווענדן צום דאקטער און זיך אינטערעסירן איבער דעם באדייט דערפון. ער האט זיך געאיילט נאכלויפן דעם דאקטער, אבער יענער, ווי עס זעט אויס, האט זיך נישט געפריידט צו דעם, און האט זיך געאיילט זיך דערווייטערן פון אים.

אבער ר' אביגדור האט נישט געטראכט פון אויפגעבן. נאך א לייכטע און שנעלע 'לויפן' האט ער אפגעשטעלט דעם דאקטער און אים געפרעגט קלאר און אפן: "איך האב געזען אז דו האסט זיך אינטערעסירט אין מיין ברכה" - האט ר' אביגדור געזאגט פארן דאקטער, "איך בין אינטערסירט צו וויסן פארוואס?" - האט ער צוגעגעבן.

אין אנהויב האט דער דאקטאר פרובירט זיך ארויסדרייען און אפשאקלען, ס'איז געווען קלאר אז ער געפינט זיך אין אויפגעשטורעמטע געפילן, אבער ר' אביגדור האט נישט נאכגעלאזט, ער האט זיך גע'עקשנ'ט צו פארשטיין, און ענדליך האט יענער זיך אונטערגעגעבן און דערציילט. די געשיכטע וואס ער האט דערציילט איז געווען וואונדערליך און אינגאנצן נישט שכל'דיג.

"איך בין אן אראבער, ווי דו האסט געוויס באמערקט", האט דער דאקטער אנגעהויבן און באלד פארגעזעצט: "ווען איך האב דיך געזען צוגיין צום קראן, וואשן די הענט און ליינען די ווערטער פון די וואנט, האב איך זיך מיטאמאל דערמאנט פון די אור אלטע זכרונות פון מיינע קינדערישע יארן, איך האב זיך דערמאנט אז אויך מיין אלטע באבע פלעגט טון פונקט אזוי, יעדן טאג פלעגט זי זיך שטעלן עטליכע מאל און ליינען עפעס פון א בלאט וואס האט געהאנגען אויף איר קאך וואנט, וועגן דעם האב איך זיך אוועק געשטעלט נעבן דיר און שטילערהייט צוגעהערט ביז דו האסט געענדיגט".

"דיין באבע???", דאס מאל איז געווען ר' אביגדור'ס רייע צו ציטערן, "וואו האט זי געוואוינט?" - האט ער געפרעגט. "נעבן מיין עלטערן'ס הויז, אין איינע פון די געמישטע שטעט אין צענטער פון לאנד" - האט דער דאקטער געענטפערט, און באלד צוגעלייגט: "און לאנגע יארן שוין אין בית הקברות...". "און פון וועלכע זייט איז זי געווען דיין באבע?" - האט ר' אביגדור געפרעגט אנגעצויגענערהייט, "וואס איז די פראגע?", האט דער דאקטער נישט פארשטאנען, "זי איז געווען מיין מאמע'ס מאמע".

ר' אביגדור איז כמעט אראפגעפאלן. - דו ביזסט א איד! - האט ער געשריגן מיט התרגשות און האט אים כמעט געוואלט ארומנעמען, אבער דער דאקטער האט נישט רעאגירט און ממש נישט פארשטאנען פון וואס עס רעדט זיך.

"ביי אונז אידן גייען מיר נאך די מאמע", האט ר' אביגדור ערקלערט דעם דאקטער, "אויב דיין באבע, דיין מאמע'ס מאמע, פלעגט זאגן אשר יצר, ווייזט אויס אז זי איז געווען א אידישע, און אויב אזוי איז דיין מאמע אויך געווען א אידישע, און אויך דו, דאקטער יוסף, דו ביסט נישט אנדערש ווי יוסף הצדיק וואס איז געווען אין גלות צווישן די גוים".

דער דאקטער האט זיך גע'חידוש'ט צו הערן אט די ווערטער, עס האט אים אויסגעפעלט א שטיק צייט קלאר מאכן, און דערנאך צו פארדייען און פארשטיין די פאקט וואס ער האט יעצט געהערט ווי א דונער אין א העלן טאג. ער האט געבעטן ר' אביגדור'ס פרטים, און א צייט שפעטער האט ער זיך פארבינדן מיט אים און אנגעהויבן א לאנגן פראצעס פון זיך צוריקקערן צו זיין הייליגן אפשטאם.

"אויב דער דאקטאר וואלט זיך נישט גע'עקשנ'ט מיך צו האלטן ביז אינדערפרי", האט ר' אביגדור געזאגט צו זיינע חברים נאכן זיי מיטטיילן די וואונדערליכע השגחה וואס האט זיך אנטפלעקט פאר זיינע אויגן, "און ווען איך וואלט נישט מקפיד געווען צו זאגן די ברכות בכוונה פון אינעווייניג, און ווען די באבע פון יענעם דאקטער וואלט אויך נישט מקפיד געווען דערויף, איז מעגליך, אז די דערווייטערטע אידישע נשמה, וואלט קיינמאל נישט געטראפן דעם וועג צוריק צו איר אשפטאם.

די מעשה וואס איז דערציילט געווארן דורכ'ן מגיד רבי יעקב שיש שליט"א לערנט אונז, אז אויסער די חוב צו זאגן יעדע ברכה ווי עס דארף צו זיין, ווען מיר טוען דאס בפרהסיה זענען מיר גורם א התעוררות צווישן די ארומיגע, ביז צוריקברענגען א אידישע נשמה צו איר שורש.

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## ענטפערן אמן נאך א ברכה פון א קטן

**א. קליינע קינדער וואס חזר'ן זיך איין די נוסח הברכה צו קענען זאגן ווי עס דארף צו זיין, כאטש זיי מעגן דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען ווען זיי זאגן די ברכה, ענטפערט מען נישט קיין אמן נאך זיי, ווייל זייער כוונה איז זיך צו לערנען און נישט צו זאגן א ברכה.**

מקורות וביאורים:

'שולחן ערוך' (או"ח רטו ג) און 'משנה ברורה' (שם ס"ק יג-יד). דער 'אבן האזל' (ברכות א טו) איז מדייק פון דער לשון הרמב"ם (שם), אז עס איז טאקע נישט קיין חיוב ענטפערן אמן נאך קליינע וואס חזר'ן זיך איין די נוסח פון די ברכות, אבער דער וואס וויל ענטפערן מעג. אבער אין ספר 'נוטרי אמן' (ח"ב עמ' קיז) שטייט אז פון דעם וואס דער 'ביאור הגר"א' (שם ד) שטעלט צו דער דין צו דער דין פון ענטפערן אמן נאך א ברכה שאינה צריכה, זעט אויס אז חזר'ן די נוסח הברכה איז ווי א ברכה שאינה צריכה וואס מען טאר נישט ענטפערן אמן.

•

**ב. דער וואס הערט א ברכה ווי עס דארף צו זיין פון א קטן שהגיע לחינוך, צ.ב.ש. ברכות פון תפילה, ברכות המצוות און ברכות הנהנין - זאל ער ענטפערן נאך אים אמן. און עס זענען דא וואס האלטן אז אויך נאך א קטן וואס איז נאכנישט הגיע לחינוך, אויב קען ער זאגן די ברכה - זאל מען ענטפערן אמן נאך זיין ברכה.**

מקורות וביאורים:

אין 'שולחן ערוך' (רטו ג) שטייט: "דאס וואס מען ענטפערט נישט אמן נאך א תינוק, דאס איז דווקא ווען ער לערנט די ברכות ביי זיין רבי'ן, אבער ווען זאגן די ברכות וועגן זיך, ווייל זיי זענען **בני חינוך** ענטפערט מען נאך זיי אמן". פון די ווערטער איז דער 'פרי מגדים' מדייק ('ראש יוסף' ברכות נג ב, הובא במשנ"ב רטו יז) אז מען ענטפערט אמן נאר נאך א ברכה פון א קטן שהגיע לחינוך, אבער נאך א קטן שלא הגיע לחינוך ענטפערט מען נישט אמן נאך זיין ברכה. אין 'פסקי תשובות' (רטו ח) ברענגט ער אין נאמען פון שו"ת 'יביע אומר' (ח"ח כה ח) אז דער עלטער פון חינוך לגבי ענטפערן אמן אויף ברכות, איז ווען דער קטן וואס זאגט די ברכה פארשטייט פארוועמען מען זאגט און מען דאוונט. צו אזא פארשטאנד קען צוקומען א קטן פון די עלטער פון פינף יאר און העכער, לויט די ניווא פון זיין פארשטאנד און ידיעות. אבער הגר"י נויבירט אין ספר 'חינוך הבנים למצוות' (סעיף כא) שרייבט אז פון ווען דער קטן קען אליין זאגן די ברכה אן מען זאל אים דארפן העלפן, איז ער ווי הגיע לחינוך אויף ברכות און מען דארף ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות.

אבער אין שו"ת 'אבן ישראל' (ח"ח סי' יד) שטייט אז פון ווען דער קטן קען זאגן די ווערטער פון די ברכה אויך אויב ער איז נישט נאר דריי יאר אלט, איז דאס דער עלטער מחנך זיין אויף ברכות און מען דארף ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות. אין ספר 'דרכי הלכה' (ברכות הנהנין סי' כה) איז ער מדייק אז מען דארף ענטפערן אמן אויף א ברכה פון א קטן אין יעדע עלטער, פון די ווערטער פון דער 'בן איש חי' (מסעי טז) וואס שרייבט: "ותינוקות אשר מברכים חייב אדם לענות אמן אחריהם", און באטאנט נישט אז די קטנים זאלן זיין בני חינוך.

# גדול העונה

פון די ווערטער פון רבנים און צדיקים אויף ענטפערן אמן

עס איז באקאנט די ווערטער פון חז"ל (שבת קיט ב): "אמר ריש לקיש: כל אמן בכל כחו - פותחים לו שערי גן עדן, שנאמר (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים'. אל תיקרי 'שמר אמנים' אלא 'שאומרים אמן'". חז"ל ברענגען דא ארויס די חשיבות פון ענטפערן אמן וואס קען עפענען די שערי גן עדן, און אין זוהר הקדוש (וילך רפה ב) שטייט, נישט נאר די שערי גן עדן, נאר אלע שערי ברכה עפענען זיך אויף ברייט פאר דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו.

אויב אזוי, ווי געזאגט, ענטפערן אמן עפענט אלע טויערן, און אויב מיר זענען געוואוינט צו בעטן שטענדיג אין מוצאי שבתות פון הקדוש ברוך הוא ער זאל אונז עפענען 'שערי רחמים, שערי רצון, שערי גאולה...' וכו', דארפן מיר זיכער זיך פרייען מיט די ווערטער פון חז"ל וואס האבן אונז מגלה געווען אז דער שליסל צו די אלע שערים וואס מיר ווארטן אזוי ארייננגיין אין זיי לגט באהאלטן אין איין ווארט - אמן!.

•

און יעצט גייען מיר אריבער צו נאך א פונקט וואס איז פארבינדן צו אלע אויבן דערמאנטע פונקטן:

זאגן די ברכות השחר צוזאמען איז א לאנגיעריגער מנהג, וואס איז שטענדיג געווען פארשפרייט אין די אידישע קהילות און איז דערמאנט נישט איינמאל אין די פוסקים. דאכט זיך, אז מחנך זיין צו דער מנהג האט אסאך וואס צוצוגעבן צו איינווארצלען די חשיבות אמן צווישן די תלמידים.

ביי די ברכות השחר איז פארהאן א באזונדערע מעלה אז זיי זענען א סעריע פון ברכות וואס יעדער קען מזכה זיין זיין חבר מיט אסאך אמנים, דאס איז אויסער די מעלה וואס דער מברך אליין האט, אז דערמיט איז ער זוכה צו זאגן די ברכה מיט מער התבוננות און גלאסנקייט, אויסער די פאקט וואס שטייט אין ספרים, אז אמן געבט צו כח און א קיום צו דער ברכה.



הגאון רבי שמואל אליעזר שטערן שליט"א
גאב"ד מערב העיר ב"ב

אין די הענט פון די וואס פארנעמען זיך מיט די עבודת הקודש פון מחנך זיין די צעירי הצאן ליגט די צוקונפט פון די יונגע דור וואס אונזערע אויגן קוקן ארויס אויף דעם. דעריבער זאל יעדער מנהל אויף זיין געביט, פרובירן ארייינלייגן אין די הערצער פון די מלמדים, ווי וויכטיג ס'איז זיי זאלן ארייינגעבן צווישן ד י תלמידי ם ד י וויכטיקייט פון אמן.

- פון זיינע ווערטער ביי א מנהלים פארזאמלונג חנוכה תשע"ג

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### די שערי גן עדן עפענען זיך פארן מאמין

דער מהר"ל ('נתיבות עולם' נתיב העבודה פ"א) ערקלערט אז די עפענונג פון די טויערן אין גן עדן וואס איז צוגעזאגט פאר דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו (שבת קיט ב) איז צוליב די שטארקע אמונה פון דער וואס ענטפערט אמן, און אזוי שרייבט ער:

"ווען ער ענטפערט אמן, איז ער זיך מתדבק אין וועמען ער גלויבט דאס איז ה' יתברך... און דעריבער איז פאסיג צו עפענען פאר אים די גן עדן. ווייל דער מענטש וואס האט אמונה אין ה' יתברך, איז ראוי צו גן עדן, וואס דארט זענען די פלאנצונגען וואס ה' האט דארט איינגעפלאנצט און זיי זענען פעסט געפלאנצט. אויך דער מענטש וואס האט אמונה, איז ער שטארק איינגעפלאנצט אין ה' יתברך, און אויך ווען אלע ווינטן קומען קענען זיי אים נישט רירן פון זיין ארט. ער האט אמונה אזוי ווי אברהם, און דעריבער איז פאסיג מען זאל פאר אים עפענען די טויערן פון גן עדן און דארט קענען אריינגיין".

### א דערקלערונג פון אמונה אין די פרינציפן פון די תורה

דער משגיח רבי שלמה וולבה שרייבט ('עלי שור' ח"ב פרק טז): אלע דרייצן עיקרי אמונה וואס דער רמב"ם רעכנט אויס, זענען אריינגערעכנט אין דריי הויפט עיקרים, וואס אויף זיי איז אויך אוועקגעשטעלט אלע אונזערע תפילות; דאס זענען די דריי זמנים פון התגלות הבורא: א. בריאת העולם. ב. מתן תורה. ג. די גאולה העתידה.

ענטפערן אמן איז א "קליינע מעשה פון עבודה, וואס איז כולל די אמונה אין די דריי התגלות'ן". ווייל די חכמים זאגן דאך אז 'אמן', איז ר"ת "א-ל מלך נאמן"; דער נאמען 'א-ל' ברענגט ארויס די מידת החסד, אזוי ווי עס שטייט (תהלים נב ג) "חסד א-ל כל היום", מיט די מידה פון חסד איז דער וועלט באשאפן געווארן, אזוי ווי עס שטייט (שם פט ג) "עולם חסד יבנה" קומט אויס אז מיט דעם רופט מען אויס די אמונה אין בריאת העולם. מיטן טיטל "מלך" ווערט הקב"ה אנגערופן פון מתן תורה, ווען מיר האבן מקבל געווען די עול תורה ומצוות. 'נאמן' גייט ארויף אויף דעם וואס הקב"ה איז באגלייבט צו מקיים זיין די הבטחה צו ברענגען די גאולה און מחיה מתים זיין, און אויף דעם וואס מיר ווארטן אויף דעם. דער משגיח ענדיגט זיינע ווערטער מיט א קלינגענדיגן דערהער: "ביים ענטפערן אמן הערט זיך די קלאנג פון די אלע דריי התגלויות. מיין פריינד, דער תלמיד חכם, ווען דו האסט געזאגט אמן האסט דען אמאל שוין געפילט דעם געוואלדיגן תוכן וואס ליגט אין די קליינע ווארט?!".

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד 'בני אמונים'

שלום וברכה!

מיר האבן געוואלט אייך מיטטיילן מיט א מערקווירדיגע און רירנדע געשיכטע וואס איז געשען מיט אונזער טאכטער - און אמת'ער נס וואס מיר האבן זוכה געווען - און מיר פילן אז דאס איז צוליב די הקפדה אויף ענטפערן אמן.

אונזער עלף-יעריגע טאכטער איז זייער אפגעהיטן נישט צו זאגן א ברכה און מען זאל משלים זיין די ברכה דורך ענטפערן אמן, א הנהגה וואס זי האט זיך איינגעפירט צוליב ענקערע אקטיוויטעטן אין די שולע'ס און די מוסדות החינוך.

מיט עטליכע חדשים צוריק, עטליכע טעג פאר פסח תשפ"ב, איז זי ארויס פון שטוב צו גיין איינקויפן, גלייך דערנאך וואס זי איז אראפ האבן מיר מיטאמאל געהערט א שרייענדיגע ברעקס נאכגעפאלגט מיט א שטילקייט. מיט שרעק זענען מיר אראפ די טרעפ, און צו אונזער פרייד, זייענדיג נאך אין טרעפן-צימער איז שוין די מיידל געלאפן אקעגן אונז ווען זי איז דערשראקן און וויינט.

אנקומענדיג אונטן האט זיך אנטפלעקט פאר אונזערע אויגן די גרויסקייט פון דעם נס; א באס איז געשטאנען נעבן אונזער הויז נאכ'ן אראפקלאפן די מיידל, דער בלאסער און דערשראקענער דרייווער האט נישט פאַרשטאנען ווי עס איז מעגליך אז טראץ די קלאפ וואס זי האט באקומען, האט זי זיך אויפגעהויבן און איז באלד אהיימגעלאפן געזונטערהייט.

מיר זענען ארויף צו אונזער שטוב, זיך שנעל ארגאניזירן צו גיין מיט די מיידל אין די עמערדזשענסי רום (חדר מיון) כדי צו פארזיכערן אז זי האט חלילה נישט באקומען א אינערליכן שאדן. מיר האבן איר דערלאנגט א גלעזל טרינקען, און ווען זי האט געזאגט א ברכה אויפן קול אזוי ווי איר שטייגער און דערמיט אונז מזכה געווען מיט ענטפערן אמן, האבן מיר גלייך פארשטאנען אדאנק וואס האט זי זוכה געווען צו אזא וואונדערבארן נס.

ביי די סעודת הודאה האט איינער פון די פעטער'ס גערעדט וועגן די פילע ניסים וואס מען איז זוכה אדאנק ענטפערן אמן. און האט צוגעגעבן, אז אמן איז ר"ת: "**ניסים אין מספר**".

געבענטשט זאלן ענק זיין אויף ענקערע אקטיוויטעטן

**משפ' צ.**

**עיה"ק ירושלים ת"ו**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102

אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### דער מהרש"א

#### ה' כסלו שצ"ב



די מצבה פון מהרש"א אין די בית החיים אין די שטאט אוסטראהא אין אוקריינא

רבי שמואל אליעזר איידל'ס, דער מהרש"א, איז געבוירן צו זיין פאטער רבי יהודה הלוי אין יאר ש"ט שט"ו אין שטאט קז'מייז' נעבן קראקא וואס געפונט זיך אין פוילן, און איז באקאנט געווען אלס עילוי נאך אין זיינע קינדערישע יארן.

ווען עס איז אנגעקומען די צייט האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון די רייכע פרוי מרת איידל ליפשיץ. אין לויף פון צוואנציג יאר האט זיין שוויגער אים אויסגעהאלטן צוזאמען מיט די ישיבה וואס ער האט אויפגעשטעלט אין שטאט פוזנא, און אים ערמעגליכט צו לערנען און מרביץ זיין תורה. אלס הכרת הטוב צו זיין שוויגער האט ער זיך געפירט צו חתמ'ענען זיין נאמען: 'שמואל איידל'ס'. נאך איר פטירה האט ער געדינט אלס רב אין פארשידענע קהילות, ביז ער איז פארפון געווארן צו דינען אלס רב און ראש ישיבה אין אוסטראהא וואס איז אין אוקריינא.

דער מהרש"א האט מחבר געווען צוויי חיבורים אויפן ש"ס: 'חידושי הלכות' וואס ערקלערט די הלכה'דיגע חלק אין תלמוד בבלי, און 'חידושי אגדות' וואס טייטש אויס די דברי אגדה פון ש"ס. די חיבורים, וועלכע זענען צוזאמען געדרוקט געווארן לויט די סדר פון די גמרא, זענען די 'אבן יסוד' אויף גמרא.

ער איז נפטר געווארן אין אוסטראהא אין ה' כסליו שצ"ב, און איז באערדיגט געווארן בדרך כבוד אין די שטאטישע בית החיים.

### אלע טויערן עפענען זיך פאר דער וואס ענטפערט אמן

די חכמים (שבת קיט ב) זאגן: "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן". דער מהרש"א (ח"א שם) איז מדייק פון דעם וואס די גמרא כאפט אן 'שערי גן עדן' - בלשון רבים, ווייל פאר דעם וואס ענטפערט אמן עפענען זיך אלע טויערן פון די אינעווייניגסטע וואוינונגען אין גן עדן, און נישט נאר די טויער פון די באזונדערע וואוינונג וואס קומט זיך אים; ווייל אלע מצוות איז דער מענטש זוכה צו א וואוינונג אין גן עדן לויט זיינע מעשים, אזוי ווי חז"ל זאגן (שבת קנב א): "כל צדיק וצדיק נותנים לו מדור לפי כבודו", אבער דער וואס איז מקיים די מצוה פון ענטפערן אמן בכל כוחו, איז אנדערש מיט דעם אז פאר אים עפענען זיך די טויערן פון אלע וואוינונגען אין גן עדן - אויך די וואס לויט זיין דרגא איז ער נישט געווען בארעכטיגט צו זיי.

### ווארטן כדי ענטפערן אמן כהלכה

די עפענונג פון די שערי גן עדן פאר דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו דרש'ענען די חכמים פון דער פסוק (ישעיה כו ב): "'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים' - 'אל תקרי שמר אמנים' אלא 'שאומרים אמן'". דער מהרש"א ערקלערט אז די ווארט שמר ווערט געטייטשט פון דער לשון ווארטן (ראה רש"י ישעיה שם). ווייל ווען א מענטש הערט א ברכה, דארף ער ווארטן און צוהערן וואספארא ברכה זאגט מען, כדי ער זאל ענטפערן אויף דעם אמן ווי עס דארף צו זיין. ווייל אזוי זאגן די חכמים (ברכות מז א, עפ"י רש"י שם ד"ה יתומה) אז דער וואס ענטפערט אמן נאך א ברכה און צו וויסן אויף וועלכע ברכה ער האט געענטפערט, איז דאס א 'אמן יתומה' וואס מען דארף אכטונג געבן אויף דעם.